STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01701

HURBN YERUSHOLAYIM

Joseph Latteiner

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-01701-9

D:\YIDDISH\TITLES\9780657017019T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

חֻרְבַּן יְרוּשָׁלַיִם

הִיסְטָארִישֶׁע אָפֶּערֶעטֶע אִין 5 אַקְטֶען.

פֿון
יוסף לאטיינער.

פּרייז 25 קאפּ.

יודישע
טהעאטער-ביבליאָטעק
№ 13.

ווארשא תרס"ח

Хурбон Іерушолаим
т. е.
РАЗРУШЕНІЕ ІЕРУСАЛИМА.

Тип. Н. Старовольскаго, Варшава Гуська 18
1908.

Printed in Russia

די פערזאנען:

צדקיהו: קעניג פון ירושלים

חמוטיל: זיין מוטער

הדסה: זיין טאכטער

ישמעאל: חמוטיל׳ם פלימעניק

גדליהו בן אחיקם: גוווערנער

צפניהו:
חנניהו:
אליקום:
תנחימות:
— 4 אויסגעדינטע סאלדאטען

ירמיהו הנביא:

פאלק, סאלדאטען.

ערשטער אקט.

זאל בײם קעניג צדקיהו. א טרעפ אראב צוגעהן צו א װארענדע.

האך לעבע צדקיהו אונזער קעניג, האך לעבע אונזער הײליג לאנד,
האך לעבען אונזערע העלדען בעריהמט גאר אן א צאהל,
נבוכדנצר מלך בבל ציטערט פאר אונזערע קרעפטיגע האנד,
נידער מיט די כאלדעער, האך לעבע די גבורי ישראל!

(צדקיהו ערשײנט בעגלײטעט פון גענערעלער).

אלע.

יְחִי הַמֶּלֶךְ! יְחִי הַמֶּלֶךְ! יְחִי הַמֶּלֶךְ! הֵידָד!

צדקיהו. (בעשטײגט דען טראהן)

גאט מיט אײך געליעבטע העלדען אײער מוטה איז מיר בעקאנט,
דאך איז די געפאהר צו גרויס, אײער ראטה לאסט הערען יעצט.
נבוכדנצר מלך בבל, װיל פערניכטען אונזער הײליג לאנד.
זאגט, זאלען מיר זיך אונטערגעבען, אדער קעמפפען ביז צו לעצט?

כהנים.

אונטערגעבען! פערלאהרען איז אונזער מוטה!

העלדען.

שװײגט איהר פאלשע כהנים! איהר רויבט אונזער מוטה!
קעמפפען מוזען מיר ביז צום לעצטען טראפען בלוט!

ירמיהו. (פון דרויסען)

נָפְלָה עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ אוֹי נָא לָנוּ כִּי חָטָאנוּ

אלע.

שרעקליך, די שטימע פון ירמיהו הנביא.

צדקיהו.

ברענגט איהם אריין (מען פיהרט אריין ירמיהו'ן) דעם אמת וויל איך
פון דיר הערען יעצט אין אונזער גרויסען נויט.
אויף אונזער לאנד, אויף אונזער פאלק, לאז אונז הערען דעם
ווילען פון גאט!

ירמיהו.

אה צדקיהו, מיין קעניג, אונד איהר אלע!
גאטעס ווארט פון מיר הערט:
ווארום לאזט איהר מיין פאלק זא אונבארמהערציג
אום קומען דורך הונגער אונד שווערד.
נבוכדנצר מלך בבל מוז אייער הערשער זיין,
איהר וועט געגען איהם ניט באשטעהן.
ברענגט אייער האלז אונטער זיין יאך,
דאמיט איהר זאלט ניט צו גרונדע געהן.
וועט איהר אבער ווייטער אזוי הארטנעקיג בלייבען געגען מיין ווילען!
זא וועל איך מיינע שרעקליכע בעשטימונג אויף אייך באלד ערפיהלען.
כה אמר ד׳ צבאות אלהי ישראל:
שרעקליך ברענט מיין צארן פאר אייערע זינד, אהנע צאהל.
פערברענען, פערניכטען, וועט נבוכדנצר דאס גאנצע לאנד,
אומקומען וועלען אלע ניעמאנד ענטרינען פון זייער האנד,
אונד דו צדקיהו וועלכער זיצט נאך יעצט אויף דיין טראהן
געפאנגען אין שווערע קעטען ווירסט באלד געשלעפט נאך בבילאן.

העלדען.

האלט איין קעניג, פאלש איז אלעס, ער איז איין בעטריעגער,
דען מוטה אונז צו רויבען האבען איהם געדונגען די כאלדעער.

ירמיהו. (קניעט)

וועה איז דיר טאכטער ירושלים,
עס איז שוין דיינע לעצטע שטונדע,
שוין זעה איך דאס פייער ברענט דאס הייליגטהום גאטעס,
פרייד אייך אונזערע פיינדע.
לאכט, מאכט פון אונז געשפאט,
נָפְלָה עֲטֶרֶת רֹאשֵׁנוּ אוֹי נָא לָנוּ כִּי חָטָאנוּ.

אלע.

אוועק פון דאנען דו פאלשער פערקויפער!
ער וויל אונז איבערגעבען צו די כאלדעער,

הדסה.

אָה מײַן גרויסמוטער!

חמוטיל.

איך האָב דיר געווים געשטערט, נישט אמת?!

הדסה.

געשטערט?!

חמוטיל.

גאַנץ געווים, זעה איך דען ניט אין דײַנע אויגען, דאָס דו האָסט שוין ווידער פאַנטאַזירט פון דײַן געוועזענעם געליעבטען? ווילסטו נאָך אַלץ ניכט פערגעסען אָן יענעם פאַ׳שען קנעכט, גדליהו? מיר די אַלטע קעניגין. דײַן טרײַע גראָסמוטער, ביסטו גאַנץ פרעמד געוואָרען, צו דײַן קעניגליכען פאָטער צדקיהו האָסטו דײַן גאַנצעס צוטרויען פערלוירען!! אָה דו פערפיה־טעם קינד! צוליעב וועמען טרעטסטו מיט די פים דײַנע ליעבע עלטערן? צוליעב זאָ אַ געמיינען שקלאַווען!!!

הדסה.

שטיל, גראָסמוטער! פאַר וואָס קומט איהם צו שימפפען? איז דען נאָך וועניג דאָס אונרעכט וואָס עס איז איהם דורך אײַך געשעהען?

חמוטיל.

אונרעכט?!!

הדסה.

איין הימעל שרײַענדעס אונרעכט! וואָרום איז ער זאָ גרויזאַם בעשטראָפט געוואָרען, וואַר ער דען ניט בעליעבט בײַם גאַנצען פאָלק? האָט ער זיך וועניג בעריהמט געמאַכט דורך זײַנע העלדענטהאַטען? וואַר ניט דער נאָמען גדליהו בײַ יעדען געעהרט אונד געשעצט? אונד דאַפיר וואָס ער האָט אויך מײַן הערץ געוואָנען האָט איהם מײַן פאָטער אַלע זײַנע גיטער וועק גענאָממען. איהם וועק גענאָממען, פון די אַרמען זײַנער שטערבענדען מוטטער, אונד אין שווערע קייטען וועקגעשיקט נאָך בבילאָן אַלס איין שקלאַווע צו דעם קעניג נבוכדנצר, נון איך פרעג דיך גראָסמוטטער, האָט ער דאָס פערדיענט? וואַרום האָט איהר איהם זאָ אונבאַרמהערציג בעהאַנדעלט? וואַרום?! וואַרום?!!

חמוטיל.

וואַרום?! איינע שעהנע פראַגע וואַרום! ווי האָט זאָ איינער געוואַגט זײַנע אויגען אויפצוהייבען צו דיר דעם קעניג צדקיהו׳ס טאָכטער.

הדסה.

פערציַיהע מיר גראָסמוטער! דו ביזט אין אירטהום, ניכט ער האָט זיַינע אויגען צו מיר אויפגעהויבען, זאָנדערן איך... איך האָב מיַינע אויגען צו איהם אויפגעהויבען!!

חמוטיל.

וואָס ??!!

הדסה.

אין מיַינע אויגען שטעהט ער פיעל העכער אַלס איך!

חמוטיל.

וואָס? וואָס פלוידערסטו? האָסטו דען פערגעסען ווער דו ביזט און ווער ער איז? דו איינע פרינצעסין, און ער! וואָס איז ער? בלויס איין איינפאַכער מענש אויס דעם פאָלק!..

הדסה.

בלויס איין איינפאַכער מענש אויס דעם פאָלק! און וואָס בין איך דען אַלס פרינצעסין? קען איך דען דאַדורך איין צוויי פאַכער מענש זיין; פון וועם האָט דאָס פאַטערלאַנד מעהר נוצען געהאַט? ווער האָט דאָס פאָלק מעהר געלייסטעט? איך, דאַמיט וואָס איך בין דעם קעניג צדקיהו'ס טאָכטער? אָדער ער, דאַמיט וואָס ער האָט מיט זיַינען שווערד זאָ פיעל מאָהל דאָס פאָלק בעפרייעט פון פערשידענע פיינדע?

חמוטיל.

דומהייטען! אונזין! וואָס קימערט מיך וואָס ער האָט פאַר'ן פאָלק געטהון. ווער עס שטאַמט ניט פון קעניגליכע פאַמיליע, דער איז גאָר נישט!

הדסה.

גאָר קיין מענש ניט?!

חמוטיל.

אָה מיין ליעבעס קינד, ווען ווען ווען עסטו ענדליך קאָממען צור איבערציַיגונג דאָס די הויפט ראָללע שפּיעלט דער קעניג אונד מיר אַלע, וועלכע האָבען קעניגליכעס בלוט, אָבער דאָס פאָלק... הם... דאָס איז בלויז אַ נעבען זאַכע!..

הדסה.

אָה מיַינע ליעבע גראָסמוטטער! ווען וועסטו ענדליך קאָממען צו דער איבערציַיגונג דאָס אַלעס, וואָס דו האָסט דאָ געשפּראָכען איזט ניט זאָ?

חמוטיל.

וואס?! האבען מיינע אויערען רעכט געהערט? דו, דעם קעניגס טאכטער, זאגסט עס?

הדסה.

איך, דעם קעניגס טאכטער, זאג עס!

חמוטיל. (ברעכט די הענד)

וועה צו מיינע אלטע יאהרען! וואס האב איך ערלעבט צו הערען? וואס זאגסטו? וואס פלוידערסטו? ניין מיין הדסה, דו ביזט פערפיהרט! אונד שולדיג אין דעם איז נור יענער קנעכט גדליהו, אוים! איך האב מיט דיר מעהר נישט וואס צו ריידען, דו ביזט פערפיהרט! דו ביזט פערפיהרט! (אב)

הדסה.

ווי וועה אונד ביטער איז ווען מאן מוז זיך בעקלאגען אויף זאלכע פערזאנען, וועלכע די פפליכט הייסט ליעבען אונד רעספעקטירען, דיעזע אלטע, זי איז זא וויט פערנארט אין איהר יחוס, דאס זי בעטראכטעט זיך פאר דער וויכטיגסטער פערזאן אויף גאטעס ערד און אלע אנדערע מענשען זענען בלויז פאר איהר בעשאפען, אך גדליהו! דו עדלער העלד! וואס האט דיר גענוצט דאס דו האסט פאר דיינע ברידער זא פיעל מאל דיין בלוט פערגאסען? וואס ווער דער לאהן פאר דיינע העלדענטהאטען? איינע גרוזאמע בעהאנדלונג פון דיינעם קעניג? 3 יאהר זענען שוין פאריבער זייט יענעם שרעקליכען טאג, אבער מיין שמערץ איז נאך היינט עבען זא גרוים ווי דאמאלס... ניין, גדליהו, איך ווערדע דיך ניט פערגעסען, ביז מיין לעצטען אויגענבליק.— דיין נאמען בלייבט ביי מיר איין היילינגטהום, און ווען איך וועל ברעכען מיין שבועה צו דיר, זאל ביין הערץ פריהער ברעכען!

(אויפטריט צפניה).

צפניה.

אה ניין פרינצעסען בעהיטע גאט, דיין הערץ איזט צו עדעל, צו גוט, עס זאל ניט ברעכען, עס דארף ניט ברעכען (הוסט).

הדסה.

ווער ביזטו?

צפניה. (שטעהט מיליטעריש)

פרינצעסין! דערקענסטו ניט דעם אלטען אויסגעדיענטען סאלדאט?

הדסה.

צפניה?!!!

צפניה.

ריכטיג, מיינע גוטע פרינצעסין איך בין עס דער אלטער צפניה איינער פון גדליהו'ס טרייעסטע דיענער, איינער וואס איך וואלט געגעבען מיין גרויען קאפף אבצושניידען, פאר גדליהו'ס מינדעסטען פינגער, איינער וואס איך...

הדסה.

ש, ש... גענוג מיין ליעבער אלטער. דו רעגסט דיך צו פיעל אויף: ערצעהלע מיר וועגען וואס ביזטו געקאמען אהער?

צפניה.

איך בין א שליח פרינצעסין, איך האב דיר געבראכט איינע גוטע פרעהליכע נאכריכט דאס דיין גדליהו, דאס הייסט מיין גדליהו, איך מיין אונזער גדליהו...

הדסה.

נון וואס? וואס גדליהו?

צפניה.

גדליהו לעבט און איז פריי.

הדסה.

וואס זאגסטו?!

צפניה.

יא ער לעבט אונד איז פריי.

הדסה.

פריי?! וואו? וואו איז ער?!!

(אויפטריט גדליהו).

גדליה.

היער ביי איינע פיעס, קניע איך!

הדסה.

גדליהו!!!

גדליה.

הדסה!!! (אומארמונג)

הדסה.

מײן גדליהו! דו לעבסט אונד דו ביזט װידער נעבען מיר!!

גדליה.

הימלישע הדסה, דו ליעבסט מיך נאך װי פריהער?

הדסה.

האסטו דען דאראן געצװײפעלט? (אומארמונג)

צפניה.

צפניה, מײן ליעבער אלטיטשקער! דו הערסט פון װאס דא װערט געשפראכען? פערשטעהע אלײן װאס דו האסט צו טהוען, (קאמאנדירט) האבט אכט, רעכט אום! מארשירען, מארש! אט=אט (אב).

גדליהו.

טהײערע הדסה! דו האסט געליטען, איך זעה עס, דײן שענעס געזיכט איז איבערגעצױגען מיט טרױער, יא, פערגעסען װיל איך װאס איך האב דורך דײן פאטער געליטען, װײל איך האב יעצט װידער די ליעבע פון זײן הימלישער טאכטער!!

הדסה.

ביז מײן טױדט!! יא גדליהו, װעהרענד דער גאנצער צײט, בשעת דו ביזט ניט דא נעבען מיר געװעזען האט מיך דײן בליק קײן אױגען=בליק פערלאזען, װאכענד װי אויך אין טרױם, האבען אימער דײנע ליעבע אױגען אַרײנגעבליקט צו מיר אין מײן פערװאונדעט הערץ, אבער דער=צעהל מיר גדליהו, װי אזױ האט דיך נבוכדנצר פרײ געלאזט?

גדליהו.

דער בארמהערציגער גאט האט דאס הערץ פון דעם באבילאנישען קעניג נבוכדנצר ערפיהלט מיט מיטלײד אונד גנאדע און ער האט מיך בע=פרײט, בין איך אהער געקאמען אום מיט דײן פאטער צו שפרעכען.

הדסה.

מיט מײן פאטער?!!

גדליהו.

יא, איך מוז איהם איבערצײגען, װעלכע שרעקליכע געפאהר עס שװעבט איבער זײן קאפף אונד איבער אונזער גאנצע נאציאן, ער מוז שנעל עפענען די טהױרען פון ירושלים זיך װארפען פאר די פיסע פון נבוכדנצר אונד זיך איהם ביטען אויף גנאדע, דאס איז דאס אײנציגע

מיטעל, דיעזעס גרויסע אומגליק צו פערהיטען.

הדסה.

אָה גדליהו! ווי שנעל דו האָסט פערגעסען מיין פאָטערס איבער־געטירליכען עהרגייץ!

גדליהו.

עהרגייץ?! ווען עס האַנדעלט זיך איינע גאַנצע נאַציאָן פון אונ־טערגאַנג צו רעטען רעדעסט דו פון עהר־גייץ?

הדסה׳

דער היילינער נביא ירמיהו האָט שוין דאריף גענוג טרעהרען פער־גאָסען, אָבער מיין פאָטער אונד די שלעכטע בייזע ראַטהגעבער האָבען איהם אויסגעלאַכט אונד פערשפּאָטעט, אָה גדליהו! דו האָסט דיין לעבען אומזיסט געוואַגט, אַנשטאַט דו זאָלסט עפּעס וואָס אויס־ווירקען וועסטו נאָך בעהיטע גאָט דיין לעבען פערליערען, דו מוזט פאָרט! רעט זיך שנעל! בעפאָר יעמאַנד וויד דיך דאָ דערקאָנען. רעטע דיין טהייערעס לעבען, מיין גדליהו, רעטע דיך!

גדליהו.

וואָס זאָגסטו הדסה? איך זאָל מיך רעטען?! דענקסטו דאָס נאָך דעם ציונ׳ס ליכט וועט זיין פערלאָשען וועל איך נאָך זעהען די ליכטיגע וועלט?! ניין, דאָ צוזאַמען מיט דעם בלוט פון מיינע ברידער זאָל אויך מיין בלוט רינען, איידער צו לעבען ווי איין פירסט אויף פרעמדע ערד איז מיר ליעבער צו שטערבען אויף די ערד פון מיין היילינעס פאָטערלאַנד!
!

הדסה.

אונד הדסה צוזאַמען מיט איהר אויסערוועהלטען איהרעס הערצענס.
קיין זאַך זאָל אונז מעהר ניט שיידען, ניכט איין מאָהל דער טויד.

(אומאַרמען זיך, זינגען דועט).

הדסה.

איך שווער ביי דעם אַלמעכטיגען גאָט
אז הייליג בלייבט מיר דיין געבאָט
איך בלייב דיר אַ קנעכט אַ געטרייער
און פאַר דיר לויף איך אין פייער,
איך וועל ניט בלייבען רוהיג און שטיל
ביז איך וועל ערדייכען אונזער ציעל
אויף מיינע יאָהרען מיין גאַנץ לעבען
איז נאָר פיר דיין בעפעהל איבערגעגעבען

גדליהו.

און איך שווער בײַ דעם גרויסען גאָט
אַז איך בלײַב דיר טרײַ ביז אין מײַן טויט
אונז צו שײַדען איז ניעמאַנד אימשטאַנד
נאָר גאָט אַלײן מיט זײַן שטאַרקע האַנד
געדולדיג וועל איך ערוואַרטען די צײַט
ביז איך וועל בעזיגען דעם פֿײַנד
צוליעב דיר מײַן ענגעל מײַן גאַנץ לעבען
טראָג איך אַלעס געפֿאַהר ערגעבען.

דועט.

גאָט זאָל אונזער שבועה דערהערען
און זאָל זײַן אָטן זאָגען דערבײַ
קײַן זאַך זאָל אונזער פּלאַן ניט שטערען
מיר בלײַבען זיך עוויג טרײַ. (אומאַרמונג)

(חמוטיל ערשיינט),

חמוטיל.

אָה וועה! וואָס זעהען מײַנע אויגען?

הדסה.

מײַן גראָסמוטער!

גדליהו.

קעניגין!

חמוטיל.

וועק פֿון מיר, דו פֿאַלשער קנעכט, דו שענדליכער פֿעררעטער! ווי האָסטו געוואָגט? וואַכע! וואַכע!

(אויפֿטריט סאָלדאַטען).

אלע.

אָה וואָס זעהען מיר, זאָלען מיר גלויבען וואָס אונזערע אויגען זעהען, גדליהו בן אחיקם צוריק, וואָס פֿאַר אַ וואונדער איז מיט איהם געשעהן.

(אויפֿטריט צדקיהו).

צדקיהו.

נידערטרעכטיגער שקלאַוו! ווי האָסטו יעצט געוואַגט? אויב דו ווילסט ווענינגסטענס מיט אַ לײַכטען טוידט שטערבען, געשטעה די וואַהרהײַט מיר, וואָס האָט דיך הער געבראַכט, זאַגע אַרויס! זאָנסט וועהע דיר!

גדליהו.

פערצייהע מיר קעניג וואס איך האב געוואגט.
דיר צו ערשיינען געגען דיין פערדאכט!
געטריבען האט מיך הער צו מיין פאטערלאנד די שרעקליכע נויטה.
איך קום פון פיינדליכען לאגער פון נבוכדנצר, אה שטארק איז זיינע מאכט.
(באר). פערלוירען מיין קעניג איזט יעדע האפנונג
פערשפיעלט האסטו די שלאכט
צערשמעטערט צערבראכען ביז צו דער ערדע
פערניכטען ווירד אונז אלע די כאלדעאישע שווערד
(שטורם הינטער די קוליסען).

אלע. (ערשראקען)

הערט! וואס זאל דאס בעדייטען?

צדקיהו.

איין יובל געשריי פון אונזערע העלדען די העברעער.

גדליהו.

אה ניין עס זינד אונזערע פיינדע די כאלדעער

ירמיהו. (ווילד אריין)

געפאלען איז ירושלים, פון פלאמען פייער פערברענט,
פערניכטעט ווערען ציונס קינדער, פערצעהרט, פון נבוכדנצר'ס שארפע שווערד.

אלע.

אה ווערה איז אונז! וואס הערען מיר?

צדקיהו.

גרייפט אלע צום שווערד געשווינד.

אלע. (ווילען ציהען די שווערדען)

געשווינד! געשווינד!

ירמיהו.

אומזאנסט! זעהט אונזער חורבן, זעהט.

אלע. (פאלען)

וועה איז אונז וועה!

(עס צייגט זיך א בילד פון חורבן ירושלים).

פארהאנג.

צווייטער אקט.

(די ביהנע שטעלט פאר א גארטען רעכטס פון גדליהו'ס הויז).

כאר.

(זינגט) נור מוטה געפאסט, די האפנונג ניט פערליערען,
אה, ברודער, גאט פערלאסט אונז ניט, ער שיקט אונז זיינע הילפע ווידער.
גדליהו בן אחיקם, גאט זעגנע איהם מיט גליק,
אונזער העלד, אונזער רעטער איז ווידער ביי אונז צוריק,
אונזערע פיינדע, די עמונים, האט ער געמאכט צו שאנד אונד צו שפאט,
גדליהו אונזער העלד! אונזער העלד! זאל לעבען לאנג! הידד!!

ירמיהו. (פון דרויסען).

נפלה עטרת ראשנו, אוי נא לנו כי חטאנו.

אלע.

הערט, הערט דארט איז ירמיהו! (אלע געהען אנטקעגען).

ירמיהו.

ניין, אומזאנסט שטרענגע איך מיר אן מיינע אויגען, איך קאן ניט זעהען. די טויזענדער ביטערע טרעהרען, וואס איך האב פערגאסען איבער דאס אונגליק פון מיין פאלק, האבען מיך בײנאהע אונגליקליך געמאכט, זאגט מיר גוטע מענשען וואו בין איך? ביי וועם? בין איך צווישען מיינע ברידער?

צפניה.

יא הייליגער פראפעהט, היער ביזטו אויף דעם בארג מצפה צווישען דעם פאלק ישראל.

ירמיהו.

דיעזע שטימע איז מיר ניט פרעמד, ווער רעדט עם צו מיר?

צפניה.

געטליבער מאַנן! ערקענסטו דען ניט מעהר דיין אַלטען סאָלראַט, צפניה?

ירמיהו.

ליעבער גוטער אַלטער פריינד, דו ביזט עס! (אומאַרמונג). אויך דו ביזט נאָך צווישען די לעבעדיגע, וואָס דער באַרמהערציגער גאָט האָט צוריק געלאָזען, נאָך דעם גרויסען חורבן? אונד דיינע איבריגע 3 ברידער לעבען דאָ נאָך?

אלע 3.

יאָ, חייליגער פראָפעהט, אויך מיר לעבען.

ירמיהו. (אומאַרמט זיי).

אַזוי בין איך צווישען ליטער גוטע פריינד, גוטער גאָט, איך דאַנק דיר פאַר דיעזען טרייסט.

צפניה.

דו קומסט פון ירושלים? וואָס טהוט זיך יעצט דאָרט? ווי מוז עס יעצט אויסזעהען?

ירמיהו.

ירושלים (וויינט), אונגליקליך ירושלים! איך האָב דיין גרויסען חורבן פאַראויס געזעהען, דאָס בית המקדש, דער קדשי קדשים, איז פערברענט, צעשטערט ביז צום גרונד, דער באַרג ציון, די גאַסען פון ירושלים זענען פערפלייצט פון טויטע קערפער, וועלכע דאָס פיינדליכע שווערד האָט געשלאַכטעט, די ערד איז ניט גרויס גענוג, אום אַלע טויטע קערפער צו עמפפאַנגען; דאָרט אויף די אַרמען פון זיין יונגען זוהן ליגט דער אַלטער פאָטער, די פרוי איבער דעם קערפער פון איהר מאַן, דאָס זייגעדיגע קינד אויף דער ברוסט פון זיין מוטער, צושטאָכען, צושניטען, צער-טרעטען, אָה, פליסט מיינע טרעהרען! רינט אונד הערט ניט אויף... אונגליקליך איז בת ציון!

צפניה.

הייליגער פראָפעהט! זאָלען מיר יעצט האָפען, דאָס אונזער פרומער העלד גדליהו איז דער גוטער שליח פון גאָט און דורך זיין האַנד וועלען מיר ווידער געהאָלפען ווערען?

ירמיהו.

גדליהו?! פיהרט מיך צו איהם, איך וויל איהם זעהען.

צפניה.

עֶר אִיז יעֶצט נִיט הִיער, אָבֶּער, מִיר עֶרוואַרטעֶן אִיהם יעֶדעֶן אויגעֶנ־בלִיק אַלס זִיעגעֶר.

ירמיהו.

זִיעגעֶר?

צפניה.

געֶוויִס, האָסטו נִיט געֶהעֶרט פֿון דעֶם גרויסעֶן געֶיעֶג, וואָס עֶר האָט געֶמאַכֿט באַלד נאָך ישראל׳ס פֿאַלעֶן, ווִעֶה דעֶם פֿאַראַד, וואָס מִיר האָבעֶן אִיהם צו עֶהרעֶ געֶמאַכֿט.

ירמיהו.

וואָס פֿאַר אַ זִיעג? וועֶלכֿעֶן פֿײַנד האָט עֶר בעֶזִיעגט?

צפניה.

דִי בני עמון. בעֶלִים, דעֶר קעֶנִיג פֿון עמון האָט געֶוואָלט נוצעֶן צִיהעֶן פֿון אונזעֶר אונגלִיק, אָבעֶר גדליהו, אונזעֶר עֶדעֶלעֶר בעֶשִיצעֶר האָט עֶרהעֶרט דאָס געֶשרײַ פֿון זײַנעֶ שוואַכֿעֶ בריִדעֶר אונד שנעֶל ווִי אײַן שטורם אִיז עֶר מִיט זײַנעֶ לײַט אַרויפֿגעֶפֿאַלעֶן אויף דִי מעֶרדעֶרִישעֶ באַנדעֶ פֿון דִי עמונִים, דעֶם גרעֶסטעֶן טהײל פֿון זִי האָט עֶר טוידט צו דעֶר עֶרדעֶ נִידעֶרגעֶשמעֶטעֶרט, דִי אִיבּריִגעֶ האָט עֶר צוטריִבּעֶן, יאָ הײלִיגעֶר פּראָפֿעֶהט, דאָס פֿאָלק ישראל הײבּט שוין ווִידעֶר זײַן קאָפּ אויף, נאָך האָט עֶר זײַנעֶ בײנעֶר נִיט אויסגעֶגלִיכֿעֶן פֿון דעֶם גרויסעֶן שלאַג, וואָס עֶר האָט עֶרשט בעֶקומעֶן אונד שוין פֿײעֶרט עֶר הײַטעֶ זײַן עֶרשטעֶן זִיעג!

ירמיהו.

עמון! זײַ פֿעֶרפֿלוכֿטעֶט פֿון גאָט! ווײַל ישראל אִיז בִּיז צו דעֶר עֶרדעֶ געֶפֿאַלעֶן, שטרעֶקסטו אוים דײַן שוועֶרד געֶגעֶן זײַנעֶ פֿעֶרוואונדעֶטעֶ ברוסט? ווײַל ישראל ריִהרט זִיך נִיט, האַטסט דו אִיהם שוין פֿאַר טוידט אונד ווִילסט זײַן טוידטעֶן קעֶרפּעֶר אויף שטִיקעֶר צעֶרײַסעֶן? אָה, נײן! ישראל אִיז נאָך נִיט טוידט פֿעֶרוואונדעֶט אִיז עֶר, נור העֶרט אִיהר, דאָ זײַן פֿאָטעֶר אִין הִימעֶל האָט אִיהם נור געֶשלאָגעֶן אָבעֶר נִיט געֶטײטעֶט מײַן יעקב לעֶבּט און ווִירד לעֶבּעֶן, זאָ שפּריִכֿט דײַן גאָט! דײַן העֶרר!

אלע.

הײלִיגעֶר מאַנן! (קושען איהם).

ירמיהו (זינגט).

פֿעֶרגִיעסט נִישט מעֶהר קײַן טרעֶהרעֶן,
פֿעֶרגִיעסט נִישט קײַן געֶווײַן,

דיין וויינען און דיין קלאָגען האָט ער דערהערט אצינד.
ער וועט אונז שוין ניט שטראָפען מעהר,
יאָ. ניט שטראָפען מעהר
זיין יעקב, זיין געליעבטעס פאָלק. (פאָר ביס).
(מען הערט א טראָמפּעטינן שאַל).

צפניה.

אונזער העלד גדליהו איז שוין ניט וויט, נור מוטה געפּאַסט!
פאָר פאַנגט אָן זינגען.

(כאָר) נור מוטה געפּאַסט.
די האָפנונג ניט פערליערען, אָה ברודער גאָט פערלאָזט אונז ניט.

ער שיקט אונז זיין הילף ווידער, גדליהו אונזער העלד זאָל לעבען
לאַנג! לעבען לאַנג! היידד! היידד! (אַלע אָב).

איינטריט ישמאל געפּענטעט.

ישמעאל.

ענדליך איז מיר געלונגען פון זייערע הענד צו ענטרינען. יעצט בין איך פון זייערע אויגען פערשוואונדען, זיי זעהען מיך שוין ניט מעהר! אך ווי מיעד איך בין פון דעם פיעלען לויפען! פערפלוכטע כאַלדעער! געפאַנגען האָט איהר מיך, נאָך בבל האָט איהר מיך געוואָלט שלעפּען צוזאַמען מיט דעם אונגליקליכען צדקיהו! אָה נעין נבוכדנצר! דו ווילדער טיראַן! זאָ איין טריאומפף זאָלסטו ניט דערלעבען, ישמאל איז ווידער פריי און לאַכט פון דיר. (שטימען אונטער קוליסען).

שטימען.

דאָרט מיט יענעם וועג.

ישמעאל.

וואָס איז דאָס? אָה מיינע פערפאָלגער, די כאַלדעער, זיי יאָגען מיך נאָך, זיי קאָמען היער הער! וועה וואָס זאָל איך יעצט טהוען? ווייטער לויפען קען איך ניט מעהר, איך בין צו מיעד (רייסט די קייטען), נייען אונמעגליך, זיי זענען שוין גאַנץ נאַהע. איך מוס מיך אירגענד ווי פערשטעקען, אבער וואו? אין דיעזעס הויז פיליייכט? נאָר זיי ווערדען מיך היער געוויס זוכען, אָה אויף דיעזעם בוים (אָב).

שראצר. (מיט כאַלדעאישע סאָלדאַטען),

היער הער, מיט דיעזען וועג איז ער געלאָפען, דאָ איז ער פלוצלינג פון אונזערע אויגען פערשוואונדען, ער ליגט געוויס ערגעץ־וואו פערשטעקט (זוכט איבעראַלל).

צפניה.

זעהט איהר, מיינע ברידער, האב איך אייך געזאגט, דאס איך האב בעמערקט פון וויטען כאלדעאישע סאלדאטען לויפען אהער! מיר מוזען זיך ערקונדיגען.

שראצר.

הע קומט נור... איך בין שראצר, איין כאלדעאישער קאמענדאנט. אונד אין נאמען זיינער מאיעסטעט אונזערעס גרויסען הערשער נבוכדנצר פערלאנגע איך פון אייך איהר זאלט מיר אויף אלעס ענטפערן, אבער נור די וואהרהייט! איהר הערט?

אלע 4.

צום בעפעהל הער קאמענדאנט יא (מיליטעריש).

שראצר.

זא זאגט מיר וואו ליגט ישמאל בן נתניה פערשטעקט?

אלע 4.

ישמאל?!

שראצר.

יא, דער פרינץ פון איינער געוועזענעם קעניג צדקיהו'ס פאמיליע. מיר האבען איהם געפאנגען צוזאמען מיט צדקיהו, שוין זענען מיר אויף דעם וועג דמשק אום די געפאנגענע היער צו פיהרען, האט זיך ישמאל ארויסגעריסען, מיר האבען איהם פערפאלגט ביז אהער, אבער אויף דיזען פלאץ איז ער פלוצלינג פון אונזערע אויגען פערשוואונדען, איך בין איבערצייגט, דאס ער איז ניט וויטער געלאפען זאנדערן ער האט זיך דא ערגעץ וואו פערשטעקט, יעצט זאגט מיר, האט איהר איהם וואו געזעהען?

אלע 4.

צום בעפעהל הער קאמענדאנט, ניין.

שראצר.

ווייסט איהר ניט וואו ער ליגט פערשמעקט?

אלע 4.

צום בעפעהל הער קאמענדאנט, ניין.

שראצר.

זאגט איהר די וואהרהייט?

אלע 4.

צום בעפעהל הער קאמענדאנט, יא!

שראצר.

ווער זײַט איהר?

צפניה.

4 ברידער! צפניה, חנניה, אליקום, תנחומות. אלטע אויסגעדיענטע העברעאישע סאָלדאַטען. אונזער געוועזענער גדליהו, געטרײַע וועכטער!

שראצר.

געהערט דיעזעס הויז צום גובערנאַטאָר גדליהו?

אלע 4.

צום בעפעהל הער קאָמענדאַנט, יאָ.

שראצר.

אלזאָ, גובערנאַטאָר גדליהו, וועט מיר פערצײַהען, דאָס איך בין געצוואונגען אין זײַן הויז איין אונטערזוך צו מאַכען.

אלע 4.

צום בעפעהל הער קאָמענדאַנט. (שראָצר אַב).

צפניה.

ווערען זאָלסטו די כפרה הער קאָמענדאַנט, הערסט אַ פרעכהײַט, מיט וואָס פאַר איין רעכט קומט אַזאַ כאַלדעאישער מענש אין דעם הויז פון אונזער עדלען גדליהו?

חנניה.

דו הערסט דאָך, עס איז איהם פערלוירען געגאַנגען איין שאַץ.

אליקום.

דער געפאַנגענער פרינץ ישמאל.

תנחומות.

אָבער ווי קומט ער דאָ אהער?

ישמעאל.

פסט... פסט...

צפניה.

שש... הערט נור.

ישמעאל.

צפניה!

צפניה.

ווער רופט עם מיין נאמען, איך האב מורא אויב דאס איז ניט קיין בת־קול.

ישמעאל.

וואס מאכט איהר אייך נאריש איהר אלטע פערד.

אלע.

אלטע פערד!

ישמעאל.

קומט נעהנטער צום בוים.

צפניה.

צום בוים, נו קומט (בלייבען שטעהן) נון וואס שרעקט איהר אייך, קומט מיט מיר (געהן) רייד דו בת־קול פון בוים, ביזטו א ריינע זאך בעוויז דיך ווען ניט זאלסטו שוין פערשוואונדען ווערען.

ישמעאל.

שש... מאכט קיין ליארם, איך בין עס, ישמעאל.

אלע.

ישמעאל??!!

ישמעאל.

שטיל, רעדט ניט אוים מיין נאמען, איך האב מיך פערשטעקט פון די כאלדעער.

צפניה.

דאס האסטו אונז גערקריינט מיט'ן נאמען אלטע פערד.

ישמעאל.

פערציהעט מיר מיינע פריינד, איך בין נערוועז! קראנק! איך וויים ניט וואס איך רייד פון שמערצען, איך בעט אייך רעטעט מיר מיין לעבען, ווען די כאלדעער קומען ווידער צוריק, גיבט אייך אלע מיהע דאס זיי זאלען מיך ניט מעהר זוכען אין דיזער געגענד, איהר זאלט זיי איינרעדען דאס איך בין וויטער געלאפען, רעטעט מיך, דען מיין לעבען איז אין געפאהר ווען איך ענדעקט ווערדע דאן בין איך פערלוירען, אונד מיין בלוט וועט פאלען אויף אייערע קעפ.

צפניה.

אויף אונזערע קעפ? וואס זאגט איהר אויף אזא אנשיקעניש? ש... מען קומט (ישמעאל אנטלויפט).

שראצר.

אומזאנסט! דארט איז ער ניט דא, אבער דאך וואו איז ער פער־שוואונדען?

צפניה.

הער קאמענדאנט! מיינע מיינונג ווערע... איך דענקע...

שראצר.

וואס?

צפניה.

צו בעפעהל הערר קאמענדאנט!

שראצר.

אלזא וואס גלויבסטו?

צפניה.

איך גלויב דאס דו ועסט איהם אין דיזער געגענד ניט געפינען איך דענק דאס סאיז בעסער זאלסט איהם זוכען דארט צווישען די געבירגע, דארט פערשטעקען זיך געוועהנליך די אנטלאפענע.

שראצר.

דו האסט רעכט, אזה דער מוז מיר צוריק אין מיינע הענד ארייני־פאלען — אלזא פארווערטס! מארש! (אב)

צפניה.

געה זוך דעם געכטיגען טאג! חא הא חא (אלע לאכען).

ישמעאל.

איך דאנקע אייך מיינע פריינדע! אך ווי מיעד איך בין!

צפניה.

דענקסט היער צו בלייבען אין גדליהו'ס הויז — און דיך אויסרוהען ביז גדליהו וועט קומען.

ישמעאל.

וואו איז דען יעצט גדליהו?

צפניה.

מיר ערווארטען איהם יעדען אויגענבליק, מיר וועלען איהם עמפפאנגען מיט דער שענסטע פאראדע פאר זיין גרויסען זיעג איבער די עמונים..

ישמעאל.

וואס הער איך?

צפניה.

געווים די מערדערישע באנדע פון עמונים פלעגען אונז יערעס מאל איבערפאלען, אבער אונזער גובערנאטאר גדליהו האט זיך מיט זיי שוין אבגערעכנט.

ישמעאל. (פאר זיך)

די עמונים פון וועלכע איך ערווארטע הילפע, האט גדליהו געשלאגען?

צפניה.

אלזא מיינע ברידער מיר געהן, עס איז שוין די העכסטע צייט.

ישמעאל.

איין אויגענבליק מיינע פריינדע, העלפט מיר זיך בעפרייען פון די קעטען (פראבירען רייסען). אך לאזט מיך! (פאלען) איהר ט‥ט אומזאנסט מיר וועה, אך פערפלוכטער נבוכדנצר!

צפניה.

נבוכדנאצר האט איהם שוין געפענטעט אין קייטעלעך.

ישמעאל.

איהר קענט שוין געהן מיינע פריינדע איך וועל מיך שוין אויסרוהען אין גדליהו'ס הויז.

צפניה.

דו קאנסט דא זיכער בלייבען, גדליהו וועט דיך געווים אונטער זיין שוטץ נעהמען, קומט מיינע ברידער. האבט אכט, רעכט אום, מארשירען מארש אט-אט (אב).

ישמעאל.

גדליהו וועט מיך אונטער זיין שוטץ נעהמען, אלזא דארויף בין איך איבער געקומען, האב איך צו יעב דעם מיין פאטערלאנד צו זא איינער לאגע געבראכט אום צו לעבען ווי איין בעטלער פון גדליהו'ס גנאדע? אה ניין! צדקיהו'ס ענדע וואר שרעקליך, זיינע קינדער האט דער פיינד פאר זיינע אויגען געשלאכטעט, איהם אליין בלינד געמאכט און אוועק געשיקט נאך בבל אלס געפאנגענער, און דאס אלעס האט ער מיר צו פערדאנקען, וויל ער האט ביי מיר מיין רעכט אוועק גערויבט, אלזא גדליהו נעם דיר אויך אין אכט אויב דו ווילסט זיין רוהיג, מיר וועלען זעהען, מיר פראפעצייהעט מיין הארץ דאס איך וועל באלד—זעהר באלד דען טראהן פאן יהודה בעשטייגען, יאה איך פיהל מיך יעצט ניי בעלעבט פון פרישען מוטה אונד קראפט, יעדעס טראפען בלוט אין מיינע אדערען רופט נאך דער קעניגליכער קרוינע, דיזע קראפט פיהל איך מיך יעצט ווידער

אלזא גוט, דער יעצטיגער מאמענט זאל בעשיידען, ווערדע איך אימשטאנדע זיין מיך יעצט פאן דיזע קעטען צו בעפרייען איז א צייכען דאס איך ווערדע באלד מיין ציעל ערררייכען, אלזא מוטה, דו מיין גליק שטערע שטעהע מיר ביי. (מוזיק שפיעלט נאך פיעל ארבייט צורייסט ער די קעטען) ווינשע דיר גליק קעניג פון יהודה! (אב)

ארקעסטער מארש.

(צערעמאניע בעגינט ביז פארהאנג פאלט).

פארהאנג.

דריטער אקט.

(גדליהו'ס רייכער סאלאן).

(כאר) מיר מעגען טרינקען זיין נור פריילך.
גדליהו אונזער רעטער איז דאך אונזער העלד,
ביי זיין נאמען מוזען מיר שווערען
פערניכטען צו שטערען, פערניכטען צו שטערען,
פערניכטען צו שטערען, צו שטערען האך לעבע גדליהו! (אב)

(אויפטריט ישמעאל).

בראווא, גדליהו! בראווא! דו האסט דיך שעהן ארויפגעארבייט, יעצט פעהלט דיר נאך די קראהנע און דו ביזט א גאנצער קעניג, נון אונד איך דער פרינץ ישמעאל, דער נאכפאלגער פון צדקיהו, איך בין ביי איהם איין איינגעבעטענער גאסט, איך זאל לעבען אונטער זיין שוטץ, ניין מיין ליעבער גדליהו! ער קען ווייטער ניט זא געהן, איך האבע מיין רעכט אוף די קראהנע נאך ניט אויפגעגעבען, אונד ווען דער פיינד גלויבט דאס ער האט דעם טראהן פון יהודה צושטערט, וועל איך איין נייען טראהן אויפבויען, קעניג מוז איך זיין, זא לאנג אין דיזען קערפער נאך איינע זעעלע פערהאנדען איז, דאס פאלק הענגט אן דיר גדליה דעסטא בעסער, דעסטא לייכטער וועט פאר דיר זיין דו זאלסט מיר העלפען פון טראהן בעשטייגען, יא דאס איז דיינע פפליכט! ווילסטו אבער ניט געהארכען, דאן וועה דיר, עפנע דיינע אויגען גדליהו, דו האסט אין דיין הויז א געפעהרליכע שלאנג אריין גענומען!!

(אויפטריט גדליהו).

ישמעאל.

לאז דיך אומארמען מיין ליעבסטער מיין טרייעסטער פריינד, איך

גריסע דיך מיין העלד צו דיינעם שיינעם זיעג, ווינשע דיר גליק!

גדליהו.

איך דאנקע דיר מיין פרינץ, אונד איך אין מיינער זייט ווינשע אויך דיר גליק צו דיינער רעטונג, איך האפע ביי נבוכדנצר אוים צו ווירקען דיינע בעפרייאונג.

ישמעאל.

איך דאנק דיר מיין גדליהו, איך וויים דו בעזיצט איין עדלעס הערץ אונד דארום האפע איך פיעל אויף דיינע גערעכטיגקייט.

גדליהו.

וואס מיינסטו דאמיט מיין פרינץ?

ישמעאל.

גדליהו! דו רופסט מיך נאך יעצט פרינץ, דאס איז נישט רעכט, יעצט בין איך ניט קיין פרינץ זאנדערן קעניג (מאכט מימיק), יא מיין גדליהו איך בין קעניג אונד מוז עס זיין, איינמאהל האט מען ביי מיר מיין רעכט אוועקגערויבט, אנשטאט מיר האט מען צדקיהו געזעצט אויף מיין טראהן, יעצט אבער ווען צדקיהו איז געפאלען בין איך זיין נאכ-פאלגער, יעצט געהערט דער טראהן מיך, יא מיך!!

גדליהו.

אבער מיין פרינץ איך פערשטעה דיך ניט, דו רעדסט יעצט פון א טראהן, ווערהענד ציון איז פערברענט און דער טראהן איז צושטערט.

ישמעאל.

דער טראהן דער בין איך, וואו איך בין דארט איז דער טראהן דען טראהן מאכען מענשען, דער קעניג אבער דער איז פון גאט געזאלבט, וואהין דער קעניג געהט, געהט מיט איהם מיט די קעניגליכע מאיעס-טעט, אזוי ווי די זעעלע מיט דעם קערפער.

גדליהו.

גאנץ רעכט, אבער זאג מיר, וואו האסטו געזעהען א קעניג אהן א פאלק, איבער וועמען אייגענטליך ווילסטו קעניג זיין.

ישמעאל.

מיר איז דערוויל גענוג דאס ביסל פאלק, דיך געהארכען זיי ניעב זיי איבער מיר, און נאך דעם די כאלדעער וועלען זיך צוריק ציהען פון אונזער לאנד, דאן פערזאמלען מיר איינע שטארקע ארמעע, מיר בויען אויף צוריק ציון, אונד בעזעצען דארט אונזער פאלק, ירושלים'ס מויערן

זאָלען באַלד ווידער צום הימעל אויפשטייגען, צום טראָטין פון אַלע אונזערע פיינדע.

גדליהו.

זאָ זאָל דאָס פאַלשע שפּיעל ווידער בעגינען, זאָל דאָס אַרמע פאָלק פערליערען זיין לעצטעס טראָפּען בלוט צוליעב דעם גאָלדענעם קריינדיל וואָס דו זוכסט אויף דיין שטערען? ישמעאל! הער דען ראַטה פון איין טרייען פריינד דו ביזט דאָס לעצטע צווייגעלע פון מלכות בית דוד, שטעל דיך נים קעגען דעם שטורם וועלכער קען דאָס לייכט צוברעכען, יאָג זיך נים נאָך דען פאַלשען גלאַנץ בשעת דו קאָנסט איהם נים ערגרייכען... דאָך גענוג, לאָמיר נים רעדען מעהר דערפון, דו ביזט מיין גאַסט, גלויבט מיר איך בין דיר גוט פון הערצען איך וויל דיין ברודער זיין, אויב דו ווילסט עס אויך!

ישמעאל.

יאָ, איך וויל עס (רייכט איהם זיין האַנד) אויפס ווידערזעהען!

גדליה.

אַדיע!

ישמעאל. (פאַר זיך)

איך וועל דיך פערניכטען (אב)

גדליה.

יאָ ישמעאל—איך קען דיין פאַלשעס הערץ, נים אפילו דיזעס אונגליק וואָר אימשטאַנדע דיך אוים־צובעסערען, נים אפילו די שרעקליכע ענדע פון דיין ענקעל צדקיהו האָט אויף דיר דען מינדעסטען איינדרוק געמאַכט, נור גליקליכער וויזע ביזמו יעצט אונשעדליך אונד איך פירכטע קיינע הינדערניסע דער היילינגען מיסיאָן וואָס איך האָב אויף מיר גענומען, איך וויל לעבען פאַר מיינע ברידער, איך וויל פאַר די שוואַכע בייטשעך איין געטרייער גערטנער זיין ווי איין פאָטער זיין איינציג קינד זאָ וויל איך דיך היטען מיין געליעבטעס פאָלק ישראל.

I.

שלאָף מיין קינד אַ גליקליכען שלאָף
שלאָף איין אונטער מיין ליעד
דו ביזט נאָך יונג צופיהלען דיין שטראָף
דערמיט וואָס דו ביזט אַ יוד.
שלאָף־זשע יודעלע שלאָף
דו וועסט דערפיהלען דיין שלאָף
שלאָף־זשע יודעלע שלאָף,
דו וועסט דערפיהלען דיין שלאָף.

II.

דו וועסט אויפוואקסען גרויס דו וועסט קומען אין יאהרען
ארמוטה וועט זיין דיין געמיט,
דו וועסט שילטען דעם טאג וואס דו ביזט געבוירען
וואס דו טראגסט דעם נאמען יוד.
שלאף־זשע יודעלע שלאף א. ז. וו.

III.

דו וועסט געהן אין דער וועלט אום א שטיקעלע ברויט
צו זוכען און ניט ווערען מיעד
דו וועסט טרעפען פערפאלגונגען הונגער און נויט
דערפאר וויל דו ביזט א יוד.
שלאף־זשע יודעלע שלאף א. ז. וו.

IV.

אין קיין לאנד דיך רוהיג זיצען
לאזען וועט מען דיך ניט
נאר יאגען און טרייבען, מיט דונערן בליטצען,
דערפאר וויל דו ביזט א יוד.
שלאף־זשע יודעלע שלאף א. ז. וו.

V.

דו פרעהסט דיך, אט שוין די צייט מאכט דיך גליקליך
אכטען וועט מען דיך ווי אלע גלייך
צום סוף שלאגט מען דיך נאך שטארקער מען ברעכט דיך אויף שטיקלעך

א יוד האט קיין ווערטה פאר קיין זאך.
וואך שוין אויף יודעניו, וואך
מעגסט ווערען מיט דיין אייגען לאנד רייך
וואך שוין אויף יודעניו, וואך
אין דער היים וועלען מיר אלע זיין גלייך.

נאר איינם פערביטערט מיר מיין גאנצעס לעבען, הדסה! דו גוטע הערליבע זעעלע, ווארום ביזטו זא אונבארמהערציג אומגעקומען? הימלישעס קינד, דיך קאן איך ניט פערגעסען, איך וועל דיך ניט פערגעסען ביז אין מיין לעצטען אויגענבליק.

(אויפטריט צפניה).

צפניה.

גדליהו עטוואס נייעס, א כאלדעאישער אפיציער מיט א גאנצען

הויפּען ווייבער שטעהען אין דרויסען, ער זאגט ער האט זיי דיר געבראכט.

גדליהו.

ווער זינד די?

צפניה.

דאס האט ער מיר ניט געזאגט, איך ווייס אויך ניט צו זענען זיי יונגע, צו אלטע וויל זיי געהען פערשלייערט די פּנימער... מיר שרעקט זיך מיין הערץ.

גדליהו.

ווארום?!

צפניה.

איך ווייס וואס איז פּלוצים איין אנשיקעניש פון ווייבער.

גדליהו.

אך געה דאך, לאז זיי אריין קומען.

צפניה.

געבע גאט עס זאל זיין צום גוטען, איך האב זעהר מורא פאר די ווייבער (אב).

(אויפטריט א כאלדעאישער אפיציער).

אפיציער.

אין נאמען פון אונזער גרויסען הערשער נבוכדנצר קום איך צו דיר ווערנער גדליהו. מיט דיזע פרויען, זיי זענען אלע פון דעם געוועזענעם קעניג צדקיהו׳ס פאמיליע, דער קעניג נבוכדנצר האט זיך איבער זיי ערבארמט, אונד געשענקט דאס לעבען, אבער נור אונטער דיזע בעדינגונג, דאס דו זאלסט זיי אונטער דיין שוטץ נעמען, און גאראנטירען דאס זיי וועלען זיך רוהיג פערהאלטען, און קיינע העטצען מאכען אונטער דעם פאלק, ווילסטו זיי אננעהמען איז גוט ווען ניט דאן מוז איך זיי נאך בבל אלס געפאנגענע פיהרען.

גדליהו.

איך נעהם זיי אן. (אפיציער אב)

צפניה.

ביטטע פערדעקטע פנימער קומט אריין.

(דאמען קומען אריין).

מיר זענען געקומען, דיך צו בעטען
די בעפרייאונג, פון דעם הערד
האב דאך מיטלייד, האב דאך מיטלייד.

האָב דאָך מיטלייד, האָב דאָך מיטלייד.
נעם אונז אונטער דיינעם שוטץ
מיר בעטען דיך גרויסער הערר
יאָ מיר בעטען דיך נאָך אַמאָהל,
מיר זענען געפּלאַגט אָן אַ צאָהל
גרויסער הערר האָב מיט אונז מיטלייד
בעפרייע אונז פון דעם פיינדס הענד.

גדליהו.

איך בעגריסע אייך עדלע פרויען, אונד ווינשע אייך גליק צו אייער רעטונג, ווייט מיר אַלע הערצליך ווילקאָממען, יעצט וואָלט איהר געפעלינגסט אייערע שלייערס אָבנעהמען דאַמיט איך זאָל וויסען וועמען איך האָב דאָס גליק אין מיין הויז צו האָבען (חמוטיל דעקט אָב איהר שלייער) חמוטיל?..

צפניה.

אוי אַ גליק, נו וואָס זאָגט איהר צו דעם גליק? אַזאַ אַלטע!

חמוטיל.

יאָ חמוטיל, אַלזאָ פאַר וואָס קניעסטו ניט, פאַר וואָס וואַרפסטו דיך ניט צו דער ערד פאַר דיין אַלטע קעניגין?

גדליהו.

קעניגין זייט זיכער אַז איך וועל ניט פערגעסען דען רעספּעקט וואָס איך בין דיר שולדיג! אָבער פערצייהע מיר, דו ווייסט עס אויך אַז פאַר דיין קעניגליכען זוהן צדקיהו האָב איך אויך ניט געקניעט, איך האָב איבער פעראַכטעט די אַלע זיטען פון די געצענדיענער! מיינע קניע בייג איך נאָר פאַר אייינעם וועלכער זיצט דאָרט אויף דעם טראָהן אין הימעל.

חמוטיל.

יאָ, מיין פרומער גדליהו, איך קען דיך דו ביזט מיינעם קעניגליכען הויז אימער איין פיינד געוועזען, דו אונד דער פראָפהעט ירמיהו מיט זיין גאַנצע סעקטע, איהר זענט שולדיג אין אונזער גאַנצעם אונגליק.

גדליהו (ערשטוינט).

וואָס? חמוטיל! וואָס האָסטו געזאָגט?!

צפניה.

ערגער דיך ניט גוטער גדליהו, זי ווייס דען וואָס זי רעדט, זי איז שוין עבר ובטל.

חמוטיל.

עס קרענקט דיך פון מיר די וואהרהייט צו הערען, זאג פאר וואס ביזט דו יעצט גובערנאטאר פון יהודה? ניט ווייל דו ווארסט פאלש דיין אייגענעם פאטערלאנד? ניט ווייל דו ווארסט איין טרייער קנעכט דעם קעניג נבוכדנצר?

גדליה. (אויטער זיך)

געגווג! איך קאן ווייטער ניט הערען אהנע דאס הערץ זאל אין מיר פלאצען, וויפיעל וואונדען האט שוין דיזער קערפער בעקומען אויף די פערשידענע שלאכטפעלדער, וויפיעל מאל האב איך גערעטעט דאס לעבען פון דיין זוהן צדקיהו, וועהרענד ער וואר אין פערשידענע שלאכטען? אונד וואמיט האט ער מיך בעלוינט? ער האט מיך פערשיקט צו נבוכדנצר אלס שקלאווע, מיינע עהרע אוועק גענומען ביי מיר, אונד מיך גרויזאם וועקגעריסען פון מיינע אלטע מוטער, וועלכע איז אין דען זעלבען טאג פאר שמערצען געשטארבען.

חמוטיל.

האט ער דען ניט רעכט געהאנדעלט? ווי האסטו געוואגט צו פאנגען דאס הערץ פון דעם קעניגס טאכטער? די פרינצעסין וואר בעשטימט פיר דעם קעניג פון עמון, בעלים דער קעניג פון די עמונים האט זי פערלאנגט צור פרוי אונד מיין זוהן צדקיהו האט זי איהם פערשפראכען, אבער דיר צוליעב האט זי איהר פאטער ניט געוואלט געהארכען אונד האט איהם זא איינע שאנדע געמאכט.

גדליה.

איינע שאנדע?! פערצייהע מיר קעניגען, מיר שיינט אז צדקיהו וואר ניט זא גרויס דאס גדליהו זאל פאר איהם איינע שאנדע זיין. דער טראהן פון יהודה איז ניט געוועזען אזוי גרויס, ער זאל ניט קענען געפינען א שידוך צווישען איינענע, אויסער דעם איז ניטא קיין מיוחסים מיר זענען אלע גלייך. אבער גענוג, דו ביזט מיין גאסט, מיין גאנץ הויז שטעהט פאר דיר אפען, די ערפורכט וואס איך בין דיר שולדיג, וועל איך געוויס ניט פערגעסען, ווייל איך טראג איהר ביי מיר אין הערצען.

צפניה.

גאט זיי דאנק, עס איז איהר שוין אויסגעגאנגען דאס לשון.

חמוטיל.

ווילסטו מיר אנצינדען, וואו ווערט זיין מיין געפענגניס?

גדליה.

געפענגניס?!

צפניה.

אָה, די אַלטע מכשפה!

גדליה.

קעניגין! דאָס איז דאָס איינציגע הויז וואָס איך בעזיטץ עס שטעהט דיר צו פערפיגונג, צפניה, בעגלייטע די קעניגען!

חמוטיל.

איך דאַנקע, איך דאַרף קיין דיענערשאַפט, איך האָב מיין איינענע מיט מיר, פרויען! בעגלייטעט מיך (אַלע אַב).

צפניה.

קוק אן אביסל אַ שטאַלץ פון אַ אַלטע מכשפה.

גדליה.

ניין, מיין הדסה איז ניט אונטער דיעזע פרויען, מיין הדסה לעבט ניט מעהר?

הדסה. (ענטלאַרפט)

יאָ, זי לעבט! (לויפט צו גדליה).

גדליה.

מיינע הדסה!

הדסה.

מיין גדליהו, מיין איינציגער פריינד! (אומאַרמונג).

צפניה.

הדסה! אָה טייערע, ליעבע, גוטע, שעהנע פרינצעסין!

הדסה.

אויך דו ביזט דאָ גוטער אַלטער?

צפניה.

צו בעפעהל, צפניה לעבען האָט שכל, און נעהם דיר דעם וועג, האָבט אַכט רעכטס אום מאַרש, מאַרש (אַב).

גדליה.

איך דאַנקע דיר גוטער גאָט פיר זאָ איין גליק, יעצט שטעהסטו ווידער נעבען מיר לעבענדיג אונד פריי, אָה מיין הערץ! הדסה! ליעבעס קינד! האָסטו פיעל געליטען?

הדסה.

פרעג ניט מיין פריינד, מיר ביידע האבען געליטען, אבער מיר האבען עס אריבער געטראגען, אך גדליהו וואס פיר איין ווילדער שטורם דאס וואר (וויינט).

גדליה.

איך האב אלעס מיטגעפיהלט, זייט דאמאלס האב איך מיין לעבען געווידמעט דעם שארית ישראל.

הדסה.

אונד זא האט אונז דאס שיקזאל ווידער צוזאמען געפיהרט, נאך זא איינע שווערע שרעקליכע צייט. גיעב מיר דיינע האנד גדליהו, דא האב איך דיר צוריק מיט 3 יאהר מיין האנד געריכט צום אבשיעד ווען מיין פאטערס צארן האט אונז געשיידעט, אונד יעצט גיב איך דיר ווידער צו זאמען מיט מיין הערץ פיר אימער אונד עוויג.

גדליה.

אונזער ליעבע זאל ריינער זיין אלס די פעלזען פון דעם בארג חרמון יעצט האב איך נאך א שעהנעם ציעל צו לעבען פיר מיינע ליעבע טהייערע הדסה (אומארמען זיך).

ביידע (וויגנען דועט).

מיר דאנקען דיר גאט פעראייניגט האסטו ווידער צוויי טרייע הערצער
נאך זאפיעל ליידען נאך זא פיעל שמערצען,
ווי גליקליך זינד מיר יעצט נאך דעם מיר האבען געליטען זאפיעל,
צוזאמען געפיהרט האט אונז גאט ביידע, ערדייכט איז אונזער ציעל.

גדליה. (סאלא)

אונד שווער איך דיר יעצט ווידער אויפסניי
דיר געהערט מיין הערץ מיין עוויגע ליעבע, מיט עוויגע טרייע
אה ווי גליקליך בין איך יעצט,
איין הייליגען ציעל האט מיין לעבען אצינד,
דאס גליק פין מיין פאלק
אונד דיין ליעבע, טהייערעס קינד.

הדסה. (סאלא)

שטיל האט אמאל די ליעבע מיין הערץ פערצעהרט
יעצט זאגאר אויך עס לוערט דאס די גאנצע וועלט עס הערט.
נור דיינע בין איך, איך שווערע עס דיר הייליג ביי גאט,
עוויג טריי נור דיר אליין, עוויג טריי ביז צום טויט.
(ביידע ווידערהאלען דעם דועט, אב, אויפטריט חמוטיל).

חמוטיל.

אך אַ שעהנעם עֶ'טעֶר, גדליהו דעֶר פֿיינד פון מיין הויגעֶזינד איז יעֶצט מיין העֶרשעֶר. מיין לעֶבעֶן, מיין פֿרייהייט, איז יעֶצט אין זיינעֶר האַנד וואָס וועֶט מיין עֶנדעֶ זיין? אַלעֶס האָב איך פֿעֶרלוירעֶן, זאָגאַר הדסה מיין איינציגעֶס איינִיקִיל איז מִיר אויך פֿרעֶמד געֶוואָרעֶן, זי איז יעֶצט ווידעֶר ביי איהר געֶליעבטעֶן אונד קימעֶרט זיך ווענִיג אום די ליידעֶן פֿון איהר גראָסמוטעֶר, איך בין אונגליקליך!!! (אויפטריט ישמעאל).

ישמעאל.

אָה קעֶניגין, טאַנטעֶ!

חמוטיל.

וואָס זעֶה איך ישמעאל?! מיין טהייעֶרעֶר נעֶפֿעֶ, דו היער?

ישמעאל (קושט זי).

יאָ טאַנטעֶ אויך איך האָב מִיך פֿון די כאַלדעֶאישעֶ העֶנד געֶרעֶטעֶט, מיין שיקזאַל האָט מִיך צו איינעֶם העֶהעֶרעֶן צוועֶק בעֶשטימט אַלס שקלאַווע ביים קעֶניג נבוכדנצר.

חמוטיל.

אַך מיין ליעבעֶר פרינץ ווי פֿרייט מִיר מיין העֶרץ דיך ווידעֶר צו זעֶהעֶן מִיר זעֶנעֶן צוויי שיפֿעֶן וועֶלכעֶ האָבעֶן זיך קוים געֶרעֶטעֶט פֿון שטורמווינד.

ישמעאל.

יאָ אונזעֶר לעֶבעֶן האָבעֶן מִיר געֶרעֶטעֶט, דאָס איז וואהר, אָבעֶר וואָס העֶרט מעֶן מִיט אונזעֶר פֿרייד, וואָס פֿאַר איין צוועֶק האָט יעֶצט אונזעֶר לעֶבעֶן, זאָגעֶ מִיר דעֶם אֶמת טאַנטעֶ, ווי פֿיהלסטו זיך יעֶצט אין גדליה'ס הויז?

חמוטיל.

דו פֿרעֶגסט נאָך!? זעֶה בעֶטראַכט מיין וואָהנונג! איז דאָס אַ וואָהנונג פֿאַר אַ קעֶניגין? וואו איז די צאַהלרייכעֶ דיענעֶרשאַפֿט? וואו זעֶנעֶן די סאָלדאַטעֶן? ווי עֶס פּאַסט פֿאַר אַ קעֶניגין!

ישמעאל.

טאַנטעֶ! ווילסטו רייכעֶן דיין האַנד זאָ איינעֶם וועֶלכעֶר וועֶט דיך פֿון דיעזעֶן געֶפֿעֶנגניס בעֶפֿרייעֶן, און דיך צוריק שטעֶלעֶן אין דיין פֿריהעֶרדיגעֶן גלאַנץ!?

חמוטיל.

אויב איך וויל? דאָ האָסטו מיינעֶ ביידעֶ העֶנד!

ישמעאל.

דער, טאַנטע! פֿון הדסה'ן הענגט יעצט אָב, דאָס מיר זאָלען צוריק בעקומען דען טראָהן פֿון דעם קעניג דוד, אָדער מיר זאָ־ען בלייבען גדליהו'ס קנעכט אונזער לעבען לאַנג!

חמוטיל.

ערקלעהר מיר ישמעאל, אלעס!

ישמעאל.

איך אונטערהאַנדעל אין געהיים מיט בעלים דעם קעניג פֿון עמון, איך האָב היינט געשפּראָכען מיט אַ שפּיאָן, ער וויל ראַכע נעמען אָן גדליה'ן פֿיר דער גרויס ניעדערטראַגטע וואָס ער האָט ערשט נישט לאַנג פֿון איהם געליטען, און פֿערלאַנגט פֿון מיר איך זאָל איהם בעהילפֿיג זיין.

חמוטיל.

ווי זאָ בעהילפֿיג זיין?

ישמעאל.

ער שיקט אַהער אַ שטאַרקע אַרמעע פֿון עמונים, זיי וועלען ליגען פֿערשטעקט ניט ווייט פֿון היער צווישען די געבירגע אונד ווען איך וועל פֿאַרשטעהן אַז עס איז שוין צייט עטוואָס צו טהוען. בעפֿאַ־ען זיי פלוצלונג גדליה'ן און מאַכען פֿון איהם אַ ענדע, דאַן שלינגען מיר דאָס ביסעל כאַ־דעער וואָס איז נאָך היער צוריקגעבליבען, מיר נעמען אין בעזיטץ פֿון גאַנצען לאַנד, אונד דער טראָהן פֿון קעניג דוד וועט אויפֿס נייע אויף געבויעט ווערען פֿאַר דעם קעניג ישמעאל מיט זיינע טהייערע טאַנטע די אַלטע קעניגין צו זיין רעכטער האַנד!

חמוטיל.

נון וואָס שטעהסטו? וואָס צעגערסטו נאָך? וואָס וואַרטסטו נאָך?

ישמעאל.

נאָך איין זאַך שטעהט מיר אין וועג, אין די איז הדסה.

חמוטיל.

הדסה? וואָס קימערט דיר הדסה?

ישמעאל.

בעלים דער קעניג פֿון עמון פֿערלאַנגט הדסה'ן צור פֿרוי אונד איך האָב זי איהם פֿערשפּראָכען.

ישמעאל.

הדסה! דו ביסט אלע מאל געווען זא ערעלמוטהיג. זא גוטהערציג, זעה, מיר ביטען דיך מיט טרעהרען אין די אויגען. מיר זענען פערלאָזען, מיר זענען בעדעקט מיט שטויב און אש, מיר זענען אין אונזער אייגען לאנד ווי אנטלאָפענע, מיר עסען דאס ברויט פון אונזערע פיינד, אָבער ווען דו ווערסט קעניגין פון עמון, וועסטו אונז רעטען פון אונזער עלענד און נויטה.

הדסה.

שווייג! קיין ווארט מעהר פון עמון, וואס? פון דיזען אבשייליכען טיראן, ערוואַרטעסט דו הילפע? דיזען ווילדען מענשענפרעסער ווילסט מאַכען פאר א פאסטוך איבער אונזער לעצט ביסעלע שעפעלעך? וועט ער דען ניט פון זיי אַרונטעררייסען די וואָהל צוזאמען מיט די הויט? פריי זיין אונד גליקליך לעבען קענט איהר נור אונטער דען שוטץ פון אונזער ערעלמוטהיגען אונד גוטהערציגען גובערנאַטאָר גדליהו!

חמוטיל.

גדליהו, און גדליהו, און ווידער גדליהו! ווען דו ווילסט נישט געהאָרכען דיינע גראָסמוטער זא געהאָרכע דען בעפעהל פון דער קעניגין, איך בעפעהלע, אַז איהם נישט מעהר צו דענקען.

הדסה.

זא וויט האָט אייך די איינבילדונג פערפיהרט, דער טראָהן איז צובראָכען, פאַרברענט, דער ווינד האָט איהר אַש צושפרייט אויף אַלע 4 זייטען אונד דאָך יאָגט איהר נאָך דעם שאָטען און צוליעב דיזען שאָטען ווילט איהר אייערע קינדער אָפּפערען? ניין, אזא קעניגין הער איך ניט!

חמוטיל.

איך האָב עס פריהער געוואוסט!

ישמעאל.

לאָז טאַנטע, יעצט לאָז מיך אויך מיט איהר א פאר ווארטען רייערן זיהע הדסה (ווייזט דעם שווערד) בעטראַכט דיזען שווערד, פרוביר זיינע שאַרפע שפיצע.

הדסה (ערשראָקען).

וואס איז דאס? און וואס ווילסטו טהוען?

ישמעאל.

מיט דיזען שווערד וועל איך גדליהו'ס הערץ דורכבאָהרען.

הדסה (שרייט).

וואס?! דאס?! דאס ווילסטו טהון?!

ישמעאל.

און ווען דו צווייפֿעלסט נאָך דראַן, זאָ שווערע איך ביי דער קרוין פֿון קעניג דוד, דו האָסט מיך אימער צו נאַרען געהאַלטען דו האָסט דיך אימער איבער מיר לוסטיג געמאַכט, יעצט ענדליך זאָלסטו מיך קענען לערנען, דיך איבערצייגען דאָס פֿאַר מיין טראָהן קעמפּף איך זאָ מוטהיג ווי א לייב, אונד גרויזאַם ווי אַ טיגער.

הדסה.

ניין, ניט אַ לייב ביזטו, זאָנדערן אַ פֿאַלשע שלויע קאַטצע, ניט אַ טיגער, נור אַ בלוט-דורסטיגער וואָלף, אונמענש! זאָ בעלאָהנסטו דיין וואָהלטהעטער, וועלכער האָט דיך אויס מיטלייד אין זיין דויז אַריינגענומען, פֿאַר זיין גוטהערציגקייט, ווילסטו איהם מיט מאָרד בעצאָהלען?!

ישמעאל.

קיין שרייען און קיין שימפֿען ווירד דיר יעצט העלפֿען, אין דיין האַנד ליגט יעצט דאָס לעבען פֿון דיין גדליהו, ווילסטו אונז פֿאָלגען און געבען דיינע האַנד דעם קעניג פֿון עמון, זאָל גדליהו לעבען בלייבען, ווען אָבער ניט, וועל איך זיין קאָפּ צו דיינע פֿיס לעגען, יעצט וועהל, בעווייז ווען דו ליעבסט בעסער דיך אָדער איהם?!

הדסה.

אָה באַרמהערציגער גאָט! וואָרום בין איך ניט ליעבער אויך געפֿאַלען צוזאַמען מיט דיעזע טויזענדע פֿון מיינע שוועסטער אונד ברידער?! (קניעט) האָט מיטלייד, ערבאַרמט אייך אויף מיר, וואָס פֿאַר אַ שלעכטעס האָב איך אייך געטהון, פֿאַר וואָס ווילט איהר מיך פֿערקויפֿען? אָבער ניט נור מיך, אייך אַליין פֿערקויפֿט איהר אויך פֿיר נידריגע שקלאַווען צו די ווילדע עמונים, איהר פֿערקויפֿט דאָס אַרמע אונגליקליכע פֿאָלק פֿון יהודה! אַך גראָסמוטער! ישמעאל! בעדענקט, איבערלייגט אייער עהרגייץ וואָס פֿערבלענדעט אייערע אויגען, אָה וועה! וואָס ווילט איהר טהון?! (וויינט)

ישמעאל.

וואָס איך האָב צו טהון ווייס איך גאַנץ גוט, אָהנע דיך אום אַ עצה צו פֿרעגען, איך פֿערלאַנג אַנטוואָרט, ווילסטו דיין האַנד רייכען דעם קעניג פֿון עמון אָדער ניין? די צייט איז קורץ, ענטשיידע!..

הדסה (שפּרינגט אויף).

וואָס איז דאָ צו ענטשיידען? ווען אַלע מיינע נערווען שרייען, ניין. ווען יעדעס טראָפּען בלוט אין מיינע אָדערן שרייט ניין. ווי קענען מיינע ליפּען אויסריידען יאָ?! ענטשיידונג ווילט איהר פֿון מיר העהרען? זאָ הערט: ניין! און טויזענד מאָל ניין!

חמוטיל.

איך האָב עס פריהער געוואוסט!

ישמעאל.

זעהר גוט, יעצט געה און איבערלעג עס דיר קאַלטבלוטיגער (זי געהט צום טהיר) וואהין? ניט דאָ איז דיין וועג! האלסטו אונז פאַר קינדער? גלויבסטו דאָס מיר וועלען דיך פריי לאָזען, דו זאָלסט דיינעם געליבטען אַלעס ערצעהלען?! דאָרטהין געה, אין א פינסטערען קערקער איינגעשפּאַרט זאָלסטו אין שרעק זאָ לאַנג בלייבען ביז דיין היים ליעבענדעס הערץ ווירד זאָ קאַלט ווערען ווי אייז, יעצט געה!

הדסה.

הילפע! הילפע!

ישמעאל.

אומזאָנסט איז דיין געשריי, ניעמאַנד הערט דיך (ראַיגלע, זיך).

אויפטריט גדליהו.

גדליהו.

האַלט!

הדסה (לויפט צו איהם).

מיין גדליהו! מיין רעטטער!

ישמעאל.

גנאַדע!

גדליהו. (איראָניש)

גנאַדע, וואָס, דו ביטעסט אום גנאַדע, דו גרויסער מאַן פון קעניג־ליכען שטאַם, דו קאָנסט זיך זאָ וויט ערנידריגען אונד קניען פאַר א איינפאַכען אונטערטהאַן! מפּוי, ווי שענדליך! אונד זאָ איינער יאָגט זיך נאָך א קראָהנע? דו ווילכט קעניג זיין און בעשיצען א פאָלק, וועהרענד דו אַליין ציטערסט פאַר דעם טוידט ווי איין אַלטעס וויב (האַלט זיין זעבעל אנטקעגען) רעכט וואָלט געווען דאָס איך זאָל דיר יעצט דיין פאַלשעס הערץ דורכבויערען מיט דעם זעלבען שווערד מיט וועלכען דו האָסט געוואָלט מיין לעבען נעמען, אָבער ניין, מיין האַנד זאָל קיין בלוט פערגיעסען, זאָל ניעמאַנד זאָגען, דאָס גדליהו האָט דאַרום ישמעאל'ן געטוידטעט אום זיינע דערשאַפט צו זיכערען, דער נאָמען גדליהו זאָל בלייבען ריין אונבעפלעקט, איך שענקע דיר דאָס לעבען, נאָר אונטער מיין שוטץ ביזטו ניט מעהר, און ווען דו ווירסט ווידער פאַן די כאַלדעער געפאַנגען, זאָ איז עס דיינע אייגענע שולד. דו אַלטע, בלייבסט היער מיינע געפאַנגענע, קיין שריט מאַכסטו מעהר אָהנע וואַכע (ישמעאל פאַקט א שווערד גדליה אויך, פעכטען זיך ישמעאל פערליערט, ביטעט אום גנאַדע) געה!

פאָרהאַנג.

פֿיערטער אַקט.

צפניה. (מיט די 4 ברידער אין וואַלד.)

ברידער! זאָלען מיר דעם היינטיגען פֿריידענ־טאָג ניט בעטריבען מיט טרויעריגע געדאַנקען, גאָט וועט אונז ניט פֿערלאָזען, 20 שטעדט האָט מען אונז ערלויבט ווידער אויפֿצובויען, אונזער לאַנד וועט ווידער לעבעדיג, און מיר וועלען איהר ווידער זעהן אין פֿריהערדיגען גלאַנץ. ניט אמת, מיינע ברודער?

I.

געליטען אָהן אַ צאָהל — האָט אונזער פֿאָלק ישראל
פֿאַר זיינע שווערע זינד — געשטראָפֿט האָט גאָט זיין געליעבטעס קינד,
די צייט קומט שוין באַלד ווידער
דאָס אונזערע פֿרומע ברודער
וועלען זינגען הייליגע לידער אין בית־המקדש פֿריי
כהנים און פּראָפֿעטען — וועלען פֿאַר אונז בעטען
לויים מיט טראָמפּעטען — וועלען שפּיעלען אויפֿסניי.
הללויה, זינגט מיט חשק איהר יודע ער
גרויס איז אונזער גאָט, אַ גאָט!
הללויה זינגט פֿאַר איהם פֿרומע יודעלעך,
שרייט אַלע אין איינעם אחד אחד!

II.

אונזער פֿאָלק בעפֿרייט, דאָס בית־המקדש בעניייט
מיט פּראַכט און גלאַנץ ווי פֿריהער העלף גאָט, דערלעבען
זאָלען דאָס מיר.

אונזער לאַנד וועט ווידער גלאַנצען
מיט בלומען און מיט קראַנצען
פֿרייען זיך און טאַנצען, וועלען מיר אָהן אַ צאָהל
און לוייס׳ליך די יונגען, וועלען ווידער זינגען
די האַרפֿען וועלען ווידער צוקלינגען ווי אַ מאָל
הללויה א. ז. וו. (טאַנצען אַרויס. פֿערוואַנדלונג.)

(אין בית המקדש. כהנים, לויים, מיליטער קריגען. גדליהו און הרפת שטעהען אויף אַ טראָהן און דער כהן־גדול גיעבט דען זעגען).

באר. (זינגט) אונזער געבעט פֿערנעהם גאָט
בעשיצען מענכטו גדליהו׳ן — בעשיצען מעגסטו איה[illegible]

היט איהם אב — פון שאנד און שפאט
מיט דיין הייליגע האנד, העלף גאט איהם.
דיך דיענען מיר גרויסער גאט—דיין קראפט איז איבעראל,
דיין קראפט, דיין קראפט, איז איבעראל
נעהם אונזער געבעט צו, בענטש פון אויבען אונזער מיה.
ישמעאל לויפט אריין מיט עמונים וועלכע פאנגען הדסה'ען און פעריאגען
די יודען, ישמעאל ערמארדעט גדליהון, (אלע אב).

גדליהו.

אוים איז מיט מיר, מיינע קרעפטען שווינדען, לעבע וואהל מיין הדסה! לעבע וואהל מיין ליעב פאלק! לעבע וואהל מיין הייליג לאנד! מיין הדסה לעבע וואהל! (אויפטריט ישמעאל מיט עמונים).

ישמעאל.

ווי שעהן איז דער זיעג, יעצט ענדליך האב איך מיין ציעל עררייכט... דא ליגט ער דער שעהנער העלד טויט פון מיין שווערד, זא א ענדע וועלען אלע האבען, וועלכע וועלען ווידערשפעניגען געגען דעם קעניג ישמעאל! יעצט ברענגט מיר אהער די פרינצעסין הדסה! יערענפאלס איז ער מיט א שעהנעם טויט געשטארבען! איין העלדען-טויט! (אויפטריט הדסה).

איינער.

האך לעבע הדסה, די קעניגין פון עמון! הידר!

ישמעאל.

זא מיינע ליעבע קוזינע מיט א פריידען-געשריי וועט באלד דאס פאלק דיך בעגלייטען צום טראהן פון עמון, וועהרענד היער וועט ווידער אויפשטייגען דער טראהן פון קעניג דויד, קום הדסה צו דיין העלד וועלכער וועט דיך פיהרען צו דיין געקריינטען הערשער!

הדסה.

אוועק! בעריהר מיך ניט! דיינע הענד דאמפפען נאך פון בלוט, וואו בין איך? איז דאס ניט גדליהו'ס הויז? וואו איז גדליה מיין מאן? האסטו איהם ערמארדעט? ישמעאל! האסטו איהם ערמארדעט? אויף דיין שטירנע זעה איך ברענען דאס צייכען פון דעם מערדער קין...

ישמעאל.

בערוהיג דיך ליעבעס קינד! עס בלייבט דיר יעצט קיין אנדערער אויסוועג, נור אלס קעניגין פון עמון צו ווערען, אדער ווילסטו נעהן ווי איינע בעטלערין פון טיהר צו טיהר א שטיקעל ברויט און א נאכט-לאגער פיר דיר בעטען? פערגעס אלע דומהייטען פאלג מיין ראטה און זיי גליקליך.

הדסה.

וואו איז גדליהו? ווילסטו מיר ענדליך אנטוואָרטען? גיעב מיר צוריק מיין גדליהון! מיט איהם וועל איך בעט ען געהן, האָט איהם דיין שווערד פערוואונדעט? איך וועל איהם היילען, מיט מיינע ליפּען וועל איך אָבוואַשען זיין רינענדעס בלוט, מיט מיין האַנד איהם פערשטע ען זיינע וואונדען האָט איהם דיין שווערד בלינד געמאַכט? נו, וואָרום שוויינסטו?! זאָג וואָס האָסטו מיט איהם געמאַכט? וואו איז מיין גדליהו?!

ישמעאל.

וועןן דו ביזט זאָ האַרטנעקיג, זאָ איבערצייגע דיך, דאָס דו האָסט ניט מעהר צו האָפּען שוין היער! היער איזט דיין גדליהו!.. (מעלאָדראַמע)

הדסה.

אַך! ניין, ניין עס איז ניט מעגליך, עס קען ניט זיין, גדליהו ערוואַכע, עפּען דיינע אויגען, דיין פאָלק רופט דיך! דיין הדסה רופט דיך! אָך, מיין גדליהו איז טויט!.. און דאָס האָסטו געטוהן, דער ווילדסטער היידער וואָלט דאָך ניט געהאַט דאָס האַרץ צו פערגיסען דאָס בלוט פון זאָ איין העלדענמוטהיגען העלד. דו שלאַנג אין מענשענגעשטאַלט! געה און שלעפּ דיך אַרום! וואַנדער פון לאַנד צו לאַנד! און פיינדע גאָרניט און ווען דו פינדעסט יאָ, זאָל עס דיר אוים דיינע הענד פאַלען. וואו דו ווערסט געהן זאָלען דיך די בלוטיגע גייסטער פערפאָלגען, וועלכע דו האָסט ערמאָרדעט אָהן אויפהער זאָלען זיי דיך יאָגען פון אָרט צו אָרט, דו זאָלסט דעם טויט זוכען און ניט געפינען, לעב! לעב! אין שרעק, אַנגסט און פלוך!

ישמעאל.

מיין געדולד איז שוין צו ענדע! אונבעזאָנענע! ווייסטו דען נישט דאָס איך ווערדע דיך צווינגען מיט געוואַלד!! קום!!!...

הדסה.

האַלט! ניט פון דער שטעלע! זאָנסט רייס איך אַרויס פון דיר דיין נידערטרעכטיגעס הערץ, אונד צוטרעט עס מיט מיינע פיס, אָבוואָהל דיין פערפלוכטער קערפּער האָט ניט די ווערטה צו בעריהרען דען פּלאַץ וואו דיעזער היילינער ליגט, גלויבסטו דאָס איך וויל נאָך זעהען די זאָננע נאָך דעם דיעזע אויגען זעהען ניט מעהר? מיינסטו איך וויל נאָך אָטהעמען, ווען דיעזע ברוסט האָט אויפגעהערט צו אָטהעמען?.. היער בין איך מיין גדליהו! דיינע בין איך! דיינע טריי הדסה געהט מיט דיר אויך נאָך דעם טויט, איך קאָם צו דיר! (שטעכט זיך).

ישמעאל.

האַלט איין! הא דו שרעקליכעס ווייזען!

הדסה.

יעצט איז מיר גוט, איך בין ווידער צוזאמען מיט מיין גדליהו! איך דאנק דיר גאט! (שטארבט).

ישמעאל. (וויטהענד)

דאס איז שרעקליך! זא א ענדע האב איך ניט ערווארטעט.

אפיציער.

ליידער האט די גאנצע זאכע יעצט איינע אנדערע ווענדונג גענומען, שאדע אום דאס פערגאססענע בלוט!!!

ישמעאל.

וואס זאגסטו? און מיין פערשפראכענע קראהנע?!!

אפיציער.

דו בעקאמסט זי דאן, ווען די פרינצעסין הדסה וויד ווידער לעבענדיג ווערען (שטורם, שלאכט).

פארהאנג.

פינפטער אקט.

(שטעלט פאר דעם כותל מערבי)

ירמיהו. (זינגט)

אך וויין און יאמער מיין אונגליקליך פאלק ישראל, פערלוירען האסטו דיין לעצטען בעשיטצער. פערלוירען האסטו אלעס, אלעס, יעצט ערשט איז אונזער חורבן פאלשטענדיג. גדליהו אונזער עדלער העלד! די געטרייער הירט, אויף וועמען האסטו צוריק-געלאזען די ארמע שעפעלעך, יא יענער טאג זאל א עוויגער טרויעריגער בלייבען, איין פאסט טאג צום אנדענקען אן אונזער אויסגעלאשענעם שטערען, יענער טאג זאל הייסען צום-גדליהו. (זינגט):

I.

איכה — ווי אזוי בין איך געבליבען איינזאם,
קלאגט בת-ציון מיט געוויין
פאר וואס מיין גאט האסטו אזוי ביטער געשטראפט דיין קינד?
פאר וואס איז איהם אזוי געשעהען?

געשלאָגען דיך האָסטו אַליין, אוי מיט דיין איינענער האַנד
דיר גרעסטער שונא ביזטו נאָר געווען, אוי דיין אייגען פאַטערלאַנד

נים מיט טרעהרען—זאָלסט ניט אויפהערען
אויף דיין חורבן וואָס דיר איז געשעהן,
אוי קלאָג און וויין,
אוי קלאָג און וויין, אין דיין אונגליק שולדיג ביזטו נור אַליין.

II.

איכה וואו איז מיין שעהנהייט און שטאָלץ פון פריהער?
קלאָג ישראל און ברעך די הענד
זעה מיין גאָט ווי דער פיינד איז זיך נוקם אָן מיר
פערוויסט איז אַלעס, צערשטערט פערברענט.
—אַליין די שלעכטער זוהן
מיין בית־המקדש האָסטו פערברענט
אויסגעלאָשען דאָס ליכט פון ציון
האָסטו אַליין מיט דיינע הענד
האָסט געגזלט גערויבט
דיין ברודערס בלוט אומזאָנסט פערגאָסען
דורך שִׂנְאַת חִנָם איז בלוט געפלאָסען
אין דיין אונגליק שולדיג ביזטו נור אַליין.

III.

איכה ווי איין אַלמנה וויינט און קלאָגט
ירושלים די שטאָלצע שטאָדט
איהר איינציג קינד האָט אַ פרעמדער ארויס־געיאָגט
און זיי בערויבט פון אַלע איהר גוטס
געדענק מיין גאָט, געדענק דיין קינד,
אוי לאָז מיך ניט ווערען צו שאַנד
האָסט מיך געשלאָגען וועה אונד ווינד,
אוי גאָט געניג רייך מיר דיין האַנד
הֲשִׁיבֵנוּ חַדֵּשׁ יָמֵינוּ
איך וועל שוין ניט זינדיגען, אוי ניין!
זעה מיינע טרעהרען, מיין געוויין
מיר העפען ווידער קענסטו נור אַליין
נור דו מיין גאָט, נור דו אַליין (אב, מעלאָדראַמאַ).

אויפטריט ישמעאל משיגע.

ישמעאל.

אָט איז דער ריכטיגער פלאַץ, דאָ זאָל מיינע קרעהנונג שטאַט-

I מאָדערנע ליטעראַטור:

ו. גארשין: פיער טעג אויפ'ן שלאַכט=פעלד 5 ק.

מ. ז. פייערבערג: ערצעהלונגען I

די שאָטענס, אַ פריהלינגס=נאַכט. 8 „

ניואי דע מאפאסאן: ערצעהלונגען I

ביאָגראַפיע, ער? אַזוהן. 12 „

ניואי דע מאפאסאן: ערצעהלונגען II

אַ סימן, פטור געוואָרען, שטוהל=פלעכטערקע. 12 „

הערמאן הייערמאנס: דער איינביגער יוד. אחשור"ו 1 אקט 7 „

פרץ הירשביין: דער אינטעליגענט דראמא אין 3 אַקטען 25 „

די אינטריגעס פון קעניגליכען הויף, העכסט אינ=טערעס. ראָמאַן. ערשיינט אין העפטען, פרייז פון העפט 5 „

II. יודישע טעאַטער=ביבליאָטעק:

1) געבּרידער לוריע, דראמא אין 4 אַקטען, י. גאָרדין 25 „
2) חינקע פינקע, אָפערעטא אין 4 אַקטען י. לאַטיינער 25 „
3) כּל נדרי, היסטאָרישע אָפערעטא 4 אַקטען א. שאַרקאַנסקי 20 „
4) די לעצטע חשמונאים דראמא 4 אקטען י. ל. וואָהלמאַן 20 „
5) יודישער קעניג ליר, דראמא 4 אקטען י. גאָרדין 25 „
6) שלמה גארנעל, לעבענס=בילד 4 אַקטען י. לאַטיינער 25 „
7) איטשע מאיר צו די וואהל.ן, 1 אַקט י. ווידרעוויטש 7 „
8) דער ווילדער מענש, דראמא אין 5 אַקטען י. גאָרדין 25 „
9) מאטע מאמ'ס צרות, לעבענס=בילד 3 אַקטען ל. געבעל 20 „
10) חפני און פּנחס אָדער דגל מחנה יהודה, שאַרקאַנסקי 25 „
11) חרבּן ירושלים, היסטאָרישע אָפערעטא י. לאַטיינער 25 „
12) די שחיטה, דראמאַ אין 4 אַקטען י. גאָרדין 30 „
13) דער ווילנער בּעל הבּית'ל. מ. ארנשטיין 50 „

!!! גרעסטער אויסוואהל פון טעאַטער=שטיקע, ווי אויך נאָטען און צענזורקעס צו אַלע פיעסען !!!

צפניה.

היילינגער פראפעט! מיר זענען צו דיר געקומען! זאלסט אונז צייגען דען וועג אין ירושלים מיר זאלען געהען און וואס מיר זאלען טהון! מיר זענען אלע בערייט נאך ענגפטען אויסצוואנדערען, דארפען מיר דאס?

ירמיהו.

בעהיטע אייך גאט מיינע קינדער פון זאלכע געדאנקען, פערדקריבען און אונטערגאנגען. דאס ערוואַרטעט אייך אין ענגפטען, ווער עס וועט פערלאזען דיעזע היילינגע ערד, דער וועט ניכט מעהר דערלעבען זי ווידער צו זעהען, בלייבט! בלייבט אין דיעזעם היילינגעם לאנד! אין נאמען פון אונזער גאט ריידע איך יעצט צו דיר מיין פאלק: (זאלע קניען). „באלד קומט די צייט און איך ווערדע צוברעכען דעם יאך וואס דו טראגסט אויף דיין האלז. צורייסען די קעטען מיט וועלכע מען האט דיר דיינע הענד געבונדען, פערוויסטען וועל איך באבילאן, וועה וועט זיין צו דיר נבוכדנצר! ציטערט איהר כאלדעער! איהר פיינדער פון מיין קינד, איין מעכטינגען פיינד וועל איך איבער אייך ברענגען! און וועל אייך פערשעלמען פאר אלעם בעזען וואס איהר האט געטהון מיין היילינג ציון, קום צוריק צו מיר מיין פאק! איך האב דיך ליעב מיט אייבינגע ליעבע. אזוי זאגט דיין הער, דיין גאט" ! (מען הערט זינגען אין טעמפעל)?

כאר.

לויבט גאט אונזער הערן, עווינג זענען זיינע גנאדע! הללויה!

ירמיהו (קניעט).

איך זעה ווידער ציון אין פריהערינגען גלאנץ, דאס היילינגע הויז פון גאט איז ווידער אויף געבויעט! קומט מיינע ברודער! (אלע אב, כאר זינגט אין טעמפעל).

פארהאנג פאלט.